בעזהשי"ת

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

אִידִישׁ

## פָּרָשַׁת רְאֵה

תשע"ח

היכל הקודש

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

**די וויכטיגקייט פון לעבן מיט אמונה; ווי ווייט מען דארף זיך אנשטרענגען צו זוכן א רבי און א חבורה וואו מען לערנט אויס צו לעבן מיט אייבערשטן; מיר דארפן זיין אזוי פרייליך אז מיר האבן דעם הייליגן רבי'ן וואס ברענגט אונז צו אלעס גוטס.**

**בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת חקת, ד' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן לכבוד ... נרו יאיר**

דער הייליגער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן: "ווען דו שרייבסט חידושי תורה און דו קומסט אן צו שרייבן פון 'אמונה' אדער 'צדיק' - זאלסטו אויסשפרייטן דעם פענע"; דאס הייסט, ער זאל שרייבן אסאך איבער דעם נושא, ווייל: "דְּדָא בֵּיהּ כּוֹלָא בֵּיהּ, דְּלֹא דָא בֵּיהּ מַה בֵּיהּ (נדרים מא.)", אז מען האט אמונה האט מען אלעס, ווידעראום אן אמונה האט מען גארנישט; נאר אז מען האט אמונה האט מען א לעבן.

דאס לעצטע מאל ווען דער רבי האט געזאגט תורה בעפאר זיין הסתלקות איז געווען ראש השנה שנת תקע"א; דאס איז די תורה אין ליקוטי מוהר"ן די צווייטע חלק סימן ח, וואו דער רבי זאגט: וְצָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מְאֹד מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ "שֶׁיִּזְכֶּה לְהִתְקָרֵב לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, כְּדֵי שֶׁיִּזְכֶּה לֶאֱמוּנָה אֲמִתִּית בִּשְׁלֵמוּת", מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו טרעפן אן אמת'ער צדיק וואס קען צו ברענגען צו האבן א ריינע קלארע אמונה, "כָּל הַמִּתְקָרְבִים לְמַנְהִיג אֲמִתִּי, זוֹכִין לֶאֱמוּנָה יְשָׁרָה דִּקְדֻשָּׁה", ווייל אלע וואס זענען מקורב צו אן אמת'ן צדיק, זענען זוכה צו האבן א קלארע אמונה.

קוק וואס דער הייליגער רבי נתן זאגט (הלכות נזיקין הלכה ה', אות יא): "וּמִי שֶׁרוֹצֶה לָחוּס עַל חַיָּיו - צָרִיךְ לֵילֵךְ עַל יָדָיו וְעַל רַגְלָיו לְבַקֵּשׁ יְשִׁיבָה אֲמִתִּית כָּזֹאת, שֶׁיּוּכַל לִזְכּוֹת עַל יָדָהּ לֶאֱמוּנָה שְׁלֵמָה וּלְקִיּוּם הַתּוֹרָה, לְבַל יֹאבַד בְּתוֹךְ הַתְּהוֹמוֹת תַּחְתִּיּוֹת שֶׁנָּפַל לְשָׁם, כַּאֲשֶׁר הוּא יוֹדֵעַ בְּנַפְשׁוֹ", ווער עס וויל רחמנות האבן אויף זיין לעבן דארף זוכן א ישיבה וואו מען לייגט אריין אין די מענטשן אמונה, נישט סתם זוכן נאר קריכן אויף די הענט און פוס אויפצוזוכן און טרעפן א ישיבה וואו מען לערנט אים אויס צו לעבן מיט אמונה.

אשרינו און פארט אשרינו אז מיר האבן דעם רבי'ן וואס לייגט אריין אין אונז אמונה; ער לערנט אונז אויס מיר זאלן לעבן מיטן אייבערשטן און רעדן צום אייבערשטן. ווי מער א מענטש געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן ווערט אים קלארער זיין אמונה, ער שפירט ווי דער אייבערשטער איז מיט אים, ביי אים און נעבן אים. מען קען אים נישט פארדרייען מיט קשיות און ספיקות, ווייל ביי אים איז די אמונה אזוי קלאר - ממש ווי ער זעט בעשיינפערליך דעם אייבערשטן.

ר' נתן זכרונו לברכה זאגט, ווען א מענטש האט אמונה אינעם אייבערשטן איז ער זוכה אז עס עפענען זיך אויף פאר אים אלע הימלען, אזוי ווי עס שטייט ביי יחזקאל הנביא (יחזקאל א, א) וואס האט זוכה געווען צו: "נִפְתְּחוּ הַשָּׁמַיִם, וָאֶרְאֶה מַרְאוֹת אֱלֹקִים", און מען זעט אז די ראשי תיבות פון נ'פְתְּחוּ הַ'שָּׁמַיִם וָ'אֶרְאֶה מַ'רְאוֹת אֱ'לֹקִים איז 'אמונה'; דאס קומט אונז ווייזן אז ווען א מענטש איז זוכה צו האבן א ריינע אמונה, ער גלייבט אז אלעס איז דער אייבערשטער און סיי וואס עס גייט אריבער אויף אים ווייסט ער אז אלעס קומט פונעם אייבערשטן, דאן איז ער זוכה צו אלע מדריגות.

דאס טוט דער רבי מיט אונז; ער נעמט אזעלכע קליינע מענטשן ווי מיר זענען, מענטשן וואס זענען נאך זייער ווייט פון אלע קדושות וכו' און ער מאכט אז מיר זאלן זיין צוגעקלעבט צום אייבערשטן אזוי ווי גרויסע צדיקים. דערפאר דארפן מיר זייער פריילך זיין אז מיר האבן אזא רבי און מיר פאלגן זיינע עצות.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**ווי אזוי מ'פירט זיך צו יענעם, אזוי פירט מען זיך צו אים**

בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת חקת, ד' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... תחי', תלמידה בית פיגא ברסלב.**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך הער פון דיינע טיטשערס זייער שיינע זאכן אויף דיר; זיי זאגן אז דיין דרך ארץ איז צום באוואונדערן, אויך געבסטו אכטונג אויף די געפילן פון א צווייטן אז קיינער זאל נישט ווערן באליידיגט דורך דיר, מדה כנגד מדה וועט דער אייבערשטער אכטונג געבן אויף דיר אז דו זאלסט נישט באליידיגט ווערן.

מוהרא"ש האט דערציילט די פאלגענדע מעשה. אמאל איז געווען א איד וואס פלעגט יעדע וואך געבן געלט פארן הייליגן צדיק רבי ר' זושא פון האניפאלי זכותו יגן עלינו. דער איד האט זייער שטארק מצליח געווען אין זיינע געשעפטן, איינמאל איז ער געקומען צום הייליגן רבי ר' זושא ברענגען געלט אזוי ווי זיין מנהג איז געווען, אבער נאר די רעבעצין איז געווען אין שטוב, זי האט אים געזאגט אז רבי ר' זושא איז נישט אין שטוב ווייל ער איז געפארן צו זיין רבי'ן. ווען דער איד האט דאס געהערט איז ער געבליבן שטיין פארוואונדערט, ער האט געטראכט צו זיך: 'איך האב געמיינט אז ער אליינס איז א רבי, יעצט הער איך אז ער האט א רבי...' האט זיך דער איד געמאכט אזא
~~~~~~~~~~

חשבון: ׳מה-דאך ווען איך האב געברענגט געלט פאר ר׳ זושא וואס ער איז נישט קיין רבי האב איך זייער שיין מצליח געווען, איז דאך זיכער אז אויב איך וועל פון היינט און ווייטער טראגן דאס געלט פאר דעם רבי׳ן פון רבי זושא וועל איך זיכער ווערן א גרויסער עושר׳. דער איד האט געפרעגט די רעביצין ווער עס איז דער רבי פון ר׳ זושא, האט זי אים געזאגט אז זיין רבי איז דער גרויסער מגיד פון מעזריטש זכותו יגן עלינו. דער איד האט זינט דעמאלט אויפגעהערט ברענגען געלט פאר דעם הייליגן רבי זושא זי״ע, ער האט געטראגן דאס געלט גלייך קיין מעזריטש צום הייליגן מגיד, אבער פון דעמאלט אן האט זיך דאס רעדל געגעבן א דריי און ער איז ער אלץ געגאנגען מטה מטה.

דער איד האט נישט געקענט פארשטיין וואס עס גייט דא פאר, פארוואס פארלירט ער זיין געלט... האט ער מחליט געווען צו גיין פרעגן דעם הייליגן רבי ר׳ זושא אליינס. האט אים דער הייליגער רבי ר׳ זושא געענטפערט: די הייליגע חכמים זאגן (סוטה ט.): ״בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִים לוֹ״, ווי אזוי א מענטש פירט זיך דא אויף דער וועלט אזוי פירט מען זיך מיט אים פון הימל; ווילאנג דו האסט מיר געברענגט געלט און דו האסט נישט געזוכט צו געבן דוקא פארן גרעסטן צדיק האט מען פון הימל אויך נישט נאכגעקוקט ווער דו ביסט; צי דו ביסט א גרויסער צדיק. אבער ווען דו האסט מיר אויפגעהערט צו ברענגען געלט ווייל דו האסט געזוכט צו געבן נאר פארן גרעסטן צדיק, האט מען אין הימל אנגעפאנגען קוקן אויף דיר מיט א פארגרעסערונג גלאז צי דו ביסט יא ווערד מען זאל דיר געבן געלט...״ הערנדיג די פארכטיגע ווערטער האט זיך דער איד אונטער גענומען ווייטער צו ברענגען געלט פארן רבי׳ן רבי זושא זי״ע, און פון דעמאלט אן האט ער ווייטער מצליח געווען.

זעט מען פון דעם אז ווען א מענטש געבט אכטונג אויף א צווייטן איד וועט מען פון הימל אים אפהיטן. דעריבער בעט איך דיר זייער דו זאלסט זיך חבר׳ן מיט אלע מיידלעך, בפרט מיט די מיידלעך וואס קיינער וויל נישט זיין זייער חבר׳טע, וועט דער אייבערשטער דיר אפהיטן פון הימל.

זאלסט האבן א געזונטן זוממער.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**אלעס וועט אריבערגיין בשלום**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת חקת, ד׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

איך בעט פאר אייך זייער אסאך אז אלעס זאל אריבער גיין בנקל ובנחת; דער אייבערשטער זאל אייך העלפן איר זאלט האבן גרינג וכו׳ און אלעס זאל גיין ווי עס דארף צו זיין.

דאנקט און לויבט דעם אייבערשטן פאר אלע חסדים וואס ער טוט מיט אייך; איר האט זוכה געווען צו א שיינע משפחה, געזונטע קינדער, ערליכע קינדער, קינדער וואס לערנען און דאווענען און קינדער וואס לעבן מיטן אייבערשטן; וואס דארף א אידישע מאמע מער פון דעם? גוטע קינדער איז מער פון אלעס אויף דער וועלט.

איך וועל שרייבן פאר אייער מאן נרו יאיר ער זאל העלפן אין שטוב וכו׳.

דער אייבערשטער זאל העלפן אייער מאן ער זאל ארויס גיין פון זיינע חובות און עס זאל שטענדיג זיין שפע ביי אייך אין שטוב.

...

~~~~~~~~~~~

**יעדע בריוו איז פאר יעדעם פערזענליך; די וויכטיגקייט פון היטן די צייט.**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת חקת, ד׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

דו בעטסט מיר איך זאל דיר צוריק שרייבן בריוו; איך שרייב דיר יעדן טאג בריוו. אלע בריוו פון ׳עצתו אמונה׳ איז פאר דיר פערזענליך, לייג אריין דיין נאמען און ליין דעם בריוו כאילו עס איז פאר דיר געשריבן געווארן.

די בריוו פון ׳עצתו אמונה׳ זענען געשריבן פאר אלע תלמידים און פאר אלע וואס ווילן לעבן מיטן הייליגן רבינ׳ס הקדמות לויט ווי מוהרא״ש האט אונז געלערנט.

עס איז דא איין עצה אויפצושטיין אין צייט: ״גיין שלאפן צייטליך!״ אז מען לייגט זיך טויזנט אזייגער שטייט מען אויף סוף טאג. יעצט ביסטו א בחור און דו ביסט נאך אליינס - איז איין זאך, וואס וועט זיין נאך דיין חתונה אז דו וועסט שלאפן א גאנצן טאג? דיין גאנצע שלום בית וועט דיר חרוב גיין.
~~~~~~~~~~~

איך האף אז דו וועסט זיך כאפן אין וואספארא סכנה דו געפונסט זיך, דו וועסט אנהייבן צו היטן די צייט - זיך לייגן צייטליך און אויפשטיין צייטליך.

...

~~~~~~~~~~

**סטראשען וועט גארנישט העלפן**

בעזרת ה׳ יתברך - יום א׳ פרשת חקת, ד׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן די הודעה.

זאג פאר דיין שוואגער אז מיר זאל ער נישט סטראשען מיט פאליציי; איך בין דאס אלעס אריבער שוין פאר צען יאר צוריק. ווען מיר האבן געעפענט די ישיבה פלעגן עלטערן קומען מיט פאליציי ארויס נעמען זייער קינד (דאס איז פארגעקומען אין דיינע יארן, ווען דו האסט דא געלערנט), זאל דיין שוואגער קומען מיט פאליציי ארויס נעמען זיין בחור.

אנשטאט ער זאל גיין מיט פאליציי צו די ישיבה פון וואו מען האט ארויס געווארפן זיין בחור, וואס דאס איז אנטקעגן די געזעץ, ווייל על פי חוק המדינה טאר מען נישט אוועק שיקן א תלמיד אינמיטן זמן וכו׳; קומט ער מיר סטראשען און מיר דערשרעקן מיט פאליציי... זאג אים וואס חושי הארכי האט געזאגט פאר אבשלום אויף זיין טאטע דוד המלך (שמואל-ב יז, ח): ״אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת אָבִיךָ וְאֶת אֲנָשָׁיו כִּי גִבֹּרִים הֵמָּה וּמָרֵי נֶפֶשׁ הֵמָּה כְּדֹב שַׁכּוּל בַּשָּׂדֶה, וְאָבִיךָ אִישׁ מִלְחָמָה״; איך בין דאס אלעס שוין אריבער, עס איז נישט דא קיין געזעץ אז איך דארף ארויס שיקן א בחור וואס זעצט זיך אריין אין בית המדרש.

שטארק דיר צו דאווענען שחרית מנחה מעריב מיט מנין און דאווען מיט א סידור פון אינעווייניג; צדיקים האבן געטייטשט, עס שטייט אין די מגילה (אסתר ט, כה): ״אָמַר עִם הַסֵּפֶר יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה״; אז מען דאווענט אין א סידור איז דאס א סגולה אז מען זאל מכוון זיין פירוש המילות און אלע פרעמדע מחשבות זאלן אוועק גיין. אז דו וועסט דאווענען מיט מנין וועסטו האבן פרנסה בשפע.

פארגעס נישט צו העלפן אין שטוב; לאז דיר אפ פון אלע כלומר׳ישע חברים. ווען דו ענדיגסט ארבעטן גיי גלייך אהיים און ווען דו גייסט דאווענען מנחה מעריב בלייב נישט אין גאס שמועסן מיט חברים, דאס איז אלעס א בלויזער דמיון, ווייל א מענטש האט קיינעם נישט בזה העולם, א מענטש איז איינער אליין; נאר דאס וואס ער ציט אויף זיינע קינדער על דרך התורה דאס וועט אים איבער בלייבן.
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט מצליח זיין אין אלע דיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~

**די וויכטיגקייט פון קומען צום וועכנטליכן שיעור און זיך האלטן צוזאמען; זען זיך צו טרעפן כסדר במשך די זוממער וואכן ווען די ישיבה איז אין קעמפ; מען דארף שטענדיג זיין פריש; ווי אזוי קענען מיר פאלגן דעם רבי'ן וואס האט געוואלט מיר זאלן מאכן די ווייבער פאר חסידות'טעס? "אליינס בלאנזשעט מען"; די תכלית פון די בריוון.**

בעזרת ה' יתברך - יום ב' פרשת חקת, ה' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

היינט נאכט וועט אם ירצה ה' זיין א שיעור, זע צו קומען צום שיעור להנהאתך ולטובתך.

יעדער איינער דארף חיזוק אנצוגיין אין לעבן - סיי ברחניות און אויך בגשמיות; אויף יעדן איינעם גייט איבער שוועריקייטן אין לעבן, דער עצה איז צו טרעפן א צדיק וואס געבט חיזוק. מיר האבן בזכיות חינם געטראפן דעם הייליגן רבי'ן וואס איז אונז מחזק און שטארקט אונז אז מיר זאלן געדענקען אז דער אייבערשטער פירט די וועלט, דער רבי חזר'ט מיט אונז די פשוט'ע אמונה: "אֲנִי מַאֲמִין בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה, שֶׁהַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ הוּא בּוֹרֵא וּמַנְהִיג לְכָל הַבְּרוּאִים, וְהוּא לְבַדּוֹ עָשָׂה וְעוֹשֶׂה וְיַעֲשֶׂה לְכָל הַמַּעֲשִׂים", איך גלייב מיט מיין גאנצע הארץ אז דער אייבערשטער האט אלעס באשאפן און ער פירט אלעס; ער טוט אלעס, ער האט אלעס געטון און ער וועט אלעס טון. דאס צו טראכטן און לעבן מיט דעם מאכט פרייליך דעם מענטש, ווייל ווי מער א מענטש חזר'ט אמונה, ווערט ער מער פרייליך און רואיג.

זוממער וועט נישט זיין קיין שיעורים; מיטן אייבערשטנס הילף פארן מיר ארויס אויף די בערג. אויך וועט די בית מדרש זיין פארשפארט במשך די קומענדיגע צען וואכן; עס וועט אם ירצה ה' זיין שיעורים אין קעמפ. נאכמיטאג פאר מנחה וועט זיין א שיעור גמרא פאר די בחורים, מען וועט לערנען דעם זוממער מסכת תענית, פארנאכטס וועט אם ירצה ה' זיין א שיעור אכט אזייגער, אויך וועט זיין מוצאי שבת א סעודת מלוה מלכה; מען וועט זיך מחזק זיין צוזאמען מיטן הייליגן רבינ'ס עצות. איך האף דיר צו זען במשך דעם זוממער; עס איז וויכטיג פאר אונז ביידע מיר זאלן זיך טרעפן און איבער חזר'ן וואס מיר פארמאגן.
~~~~~~~~~~

"אלט טאר מען נישט זיין" - האט דער רבי געזאגט (שיחות הר"ן סימן נא), אן אלטער חסיד איז נישט גוט צו זיין, און אן אלטער צדיק איז נישט גוט צו זיין; מען דארף זיך שטענדיג אויפרישן און זיך באנייען. אז מען קומט זיך צוזאם אנשי שלומינו, מען דערמאנט זיך וואס מיר פארמאגן, מען חזר'ט איבער שמועסן פון הייליגן רבי'ן - דאס פרישט אויף אז מען זאל נישט איינשלאפן.

הלוואי ווען דו קענסט קומען אויף א שבת מיט דיין ווייב און קינדער; עס איז אן ענין אחר לגמרי ווען מען ווערט מקורב און מען איז מקרב די גאנצע שטוב, צי מען קומט אליין וכו'. "אם בגפו יבא", אז מען קומט אליינס, מען ברענגט דאס נישט אריין אין שטוב, דעמאלט: "בגפו יצא"...

דער רבי האט זייער געוואלט מען זאל מאכן די ווייבער פאר חסידות'טעס, אזוי קען מען אויפברענגען די קינדער אזוי ווי דער רבי האט געוואלט. דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן (שיחות הר"ן, סימן רט): "אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיך גֶעטוּן", וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא, דער רבי האט דאס געזאגט מיט א מורא'דיגע פלאם און מיט א פלאקער; אז מיר זאלן צוואויסן טון פאר אונזערע קינדער אז עס איז דא א רבי אויף דער וועלט וואס פארשטייט יעדן איד, און ווער עס פאלגט זיינע עצות קען זוכה זיין צו ווערן א גרויסע צדיק און א גרויסע בעל מדריגה, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): "מיט יעדע שמועס וואס איך שמועס מיט ענק, קען מען זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, און אפילו א צדיק גמור א גאנץ לעבן - אן ערליכער איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד"; נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שכ): "כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה", ווער עס וועט מיר פאלגן, און ער וועט טון אלעס וואס איך הייס, וועט זיכער ווערן א גרויסער צדיק - זאל עס זיין ווער עס זאל נאר זיין.

אליינס בלאנדזשעט מען; מען מוז האבן א גוטע חברותא צו קענען אנגיין אין עבודת השם. איך בין גרייט צו זיין פאר דיר א גוטער חבר; איך בין דיין חבר, איך וויל דו זאלסט אויך לעבן א חיים טובים, איך שרייב דיר כמעט יעדן טאג א בריוו נאר ווייל איך וויל דו זאלסט אויך שפירן דאס וואס איך שפיר. דו זאלסט אויך זאגן (תהלים קלה, ה): "כִּי אֲנִי יָדַעְתִּי כִּי גָדוֹל ה' וַאֲדֹנֵינוּ מִכָּל אֱלֹקִים", ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן א): "אֲנִי יָדַעְתִּי דַּיְקָא", איך ווייס אז עס איז דא א באשעפער.

איך דארף אריין לויפן צו מיינע טייערע בחורים, זיי ווארטן אויף א שיעור.

זיי געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~

**די מיידלעך זאלן זיך אויפפירן מיט אחדות**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ב׳ פרשת חקת, ה׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד אלע תלמידות פון ״בית פיגא״ ברסלב שתחיו.**

געלויבט דעם הייליגן באשעפער אז מיר ענדיגן נאך א יאר סקול.

עס איז אריבער א שיינע יאר ביי אייך אין סקול; איך האב געהערט גריסן פון אייערע טיטשערס און פון אייער מנהלת אויף אייך ווי שיין איר האט זיך אויפגעפירט דעם גאנצן יאר - מיט דרך ארץ און גוטע מידות. ביים הייליגן רבי׳ן איז די ערשטע זאך געווען ״דרך ארץ״; דער הייליגער רבי האט געזאגט: ״וֶוען קֵיסָרִין אוּן קֶענִיגְן וָואלְטְן גֶעוואוּסְט וָואסְפַּארַא דֶּרֶךְ אֶרֶץ אִיךְ לֶערְן מִיט מַיינֶע מֶענְטְשְׁן, וָואלְטְן זֵיי גֶעשִׁיקְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער לֶערְנֶען בַּיי מִיר דֶּרֶךְ אֶרֶץ״, דאס זעט מען ממש ביי אייך אין סקול, אלע תלמידות פירן זיך איידל און טייער ווי קעניגליכע קינדער.

יעצט ווען די יאר איז אריבער דארפן מיר זיך מאכן א חשבון הנפש צי מיר האבן גענוג אכטונג געגעבן אויף א צווייטע מיידל׳ס כבוד, אויב מען האט חס ושלום וויי געטון א צווייטן קינד. אסאך מאל כאפט מען זיך נישט, מען זאגט א ווארט וואס קען שטעכן אזוי ווי א מעסער אין יענעמס הארץ, אדער מיט א לַאף קען מען יענעם זייער וויי טון.

יעצט ווען איר קומט אין קעמפ, און מען גייט פארברענגען א זומער אין ״מחנה בית פיגא ברסלב״, וויל איך אייך זייער שטארק בעטן איר זאלט זיין זייער פארזיכטיג ווי אזוי איר פירט זיך אויף צו א צווייטע מיידל; מען דארף זיין זייער סענסעטיוו צו א צווייטן, קיינמאל נישט וויי טון א צווייטן, קיינמאל נישט לאכן פון א צווייטן, און קיינמאל נישט שפילן א שפיל אויב מען לאזט נישט א צווייטן שפילן מיט דעם שפיל. אויף אלע עבירות איז דער אייבערשטער מוחל, אבער אז מען טשעפעט א צווייטן האט מען נישט קיין מחילה ביז מען בעט יענעם איבער.

זוכט אויף די מיידלעך וואס זיצן שטענדיג שטיל און איינזאם, און חבר׳ט זיך מיט מיידלעך וועם קיינער קוקט נישט אן; חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה ט.): ״בַּמִּדָּה שֶׁאָדָם מוֹדֵד, בָּהּ מוֹדְדִים לוֹ״, מען פירט זיך פון הימל צום מענטש אזוי ווי דער מענטש פירט זיך צו א צווייטן; אויב מען איז מקרב א צווייטן דעמאלט וועט דער אייבערשטער אים מקרב זיין, און אויב מען איז מרחק א צווייטן, דעמאלט וועט מען אים פון הימל אויך מרחק זיין.
~~~~~~~~~~

טייערע "בית פיגא" תלמידות, איך בעט אייך פון טיפעניש פון מיין הארץ איר זאלט מיר דאס צוליב טון; האט אביסל הכרת הטוב פאר די סקול, עס איז מיר נישט גרינג צו פירן די סקול, איך ארבעט זייער שווער פאר אייך אלע אז איר זאלט זיין צופרידן, בעט איך אייך אז די טובה זאלט איר מיר צוריק טון: איר זאלט זיך נישט קריגן מיט א צווייטן און איר זאלט קיינמאל נישט ווי טון א צווייטן; אז איר זעט א מיידל איז נאכגעלאזט, זי שטערט דעם סדר וואו מען שלאפט וכו', זאלט איר חס ושלום איר נישט פארשעמען, נאר איר זאלט דאס פארציילן פאר מרת ... תחי', זי וועט שוין וויסן ווי אזוי צו רעדן שיינערהייט וכו', ווייל אויב מען פארשעמט א צווייטן ברבים קען מען פארלירן די חלק אין עולם הבא, אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (בבא מציעא נט.): "הַמַּלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים, אֵין לוֹ חֵלֶק לָעוֹלָם הַבָּא", ווער עס פארשעמט א חבר ברבים, האט נישט קיין חלק אין עולם הבא; נאך זאגן אונז די הייליגע חכמים (שם): "נוֹחַ לוֹ לָאָדָם שֶׁיַּפִּיל עַצְמוֹ לְכִבְשַׁן הָאֵשׁ, וְאַל יַלְבִּין פְּנֵי חֲבֵירוֹ בָּרַבִּים", ענדערש זאל א מענטש זיך לאזן אריין ווארפן אין א ברענעדיגע קאלך אויוון ווי צו פארשעמען א חבר.

דערפאר, אז איר שפירט ווי א מיידל איז נאכגעלאזט, עס גייט א געררוך פון איר וכו', אדער זי רוימט נישט איר בעט; אירע חפצים פליען ארום די גאנצע שטוב, טאר מען איר נישט פארשעמען חס ושלום. גייט רעדט דאס דורך מיט מרת ... תחי', זי וועט שוין וויסן ווי אזוי צו רעדן צו די מיידל אז זי זאל נישט חס ושלום פארשעמט ווערן.

איר ווייסט נישט ווי גליקליך איר זענט מיט אייער מנהלת מרת ... תחי', זי איז פאר אייך א מתנה פון הימל. הערט אויס יעדעווארט וואס זי זאגט אייך, דאס וועט אייך העלפן פאר אייער גאנץ לעבן, זי וועט שוין וויסן ווי אזוי צו רעדן מיט די מיידלעך; חס ושלום איר זאלט פארשעמען א צווייטן, דאס איז א שפיל מיט פייער. אז מען פארשעמט א צווייטן און יענער ווײנט צום אייבערשטן נעמט זיך דער אייבערשטער אן פאר יענעם אפילו יענער איז נישט גערעכט.

איך האב אייך געגעבן א מתנה א ספר תהילים; זעט צו זאגן יעדן טאג תהילים. אין תהילים ליגן אלע ישועות, אין ספר תהילים ליגט אלע רפואות, אז איר קענט זאגן יעדן טאג דעם 'יום תהילים' איז גאר גוט, אבער אז איר האט נישט קיין צייט זאגט כאטש וויפיל איר קענט.

איך האף צום אייבערשטן אז איר וועט הנאה האבן דעם זוממער, און איר וועט אהיים קומען אנגעפילט מיט אמונה.

א פרייליכן זוממער.

...

~~~~~~~~~~

**ארויסהעלפן מיט די קאמפיין פאר די מוסדות; יעדע פרוטה וואס מען העלפט ארויס דערמיט די מוסדות איז ווי מען געבט א פדיון פארן הייליגן רבי'ן; די מוסדות איז נישט נאר א לאקאלער מוסד נאר עס העלפט די גאנצע וועלט.**

בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת חקת, ו' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

אזוי ווי היינט קומט פאר א קאמפיין פאר אונזערע מוסדות, וואס באמת אז מען געבט א קוק אויף צוריק זעט מען ממש ווי עס ווערט פארווירקליכט דער פסוק (איוב ח, ז): "וְהָיָה רֵאשִׁיתְךָ מִצְעָר, וְאַחֲרִיתְךָ יִשְׂגֶּה מְאֹד"; מיר האבן געעפענט די ישיבה שנת תשס"ט - פאר צען יאר צוריק, נאכדעם האבן מיר געעפענט די תלמוד תורה אסרו חג פסח שנת תש"ע, דערנאך האבן מיר געעפענט דעם מיידל סקול "בית פיגא" אום שנת תשע"ב. בשעת מיר האבן געעפענט די מוסד האט דאס אויסגעזען ממש ווי א חוזק, מענטשן האבן געזאגט אז דאס וועט אנהאלטן פון תענית אסתר ביז פורים... למעשה האט דער אייבערשטער געהאלפן אז עס ווערט נאר שענער און שענער, מיר האבן שוין אויסגעוואקסן אונזער פלאץ, און מיר דארפן שוין א גרעסערע פלאץ, בפרט פאר די סקול.

דעריבער וויל איך דיר בעטן דו זאלסט אנטייל נעמען אין די מצוה; דא רעדט מען נישט אז דו אליינס זאלסט געבן, דו העלפסט מיר שוין יעדע חודש זייער געטריי מיטן העלפן דעקן די רענט פאר די ישיבה, חדר און סקול, די רעדע דא איז אויב דו קענסט היינט אנרופן דיין משפחה, חברים און באקאנטע וכדו' זיי זאלן נעמען א חלק אין די זכות צו העלפן דעם מוסד.

וויסן זאלסטו אז יעדע פרוטה וואס מען ברענגט פארן מוסד איז ווי מען געבט א פדיון פארן הייליגן רבי'ן, וואס דורכדעם ווערן נמתק אלע דינים פונעם מענטש על ידי פלא עליון.

דער מוסד איז מגלה און מפרסם די הייליגע אמונה אויף די וועלט; דורך דעם מוסד ברענגט מען אריין די לימודים פון הייליגן רבי'ן אין די גאנצע וועלט. די לימוד פון התחזקות, אז מען זאל זיך דערהאלטן אין אלע אומשטענדן, מען זאל נישט קוקן וואס איז געווען, נאר מען זאל זיך שטענדיג באנייען.
~~~~~~~~~~

דער אייבערשטער זאל העלפן, בזכות דעם וואס דו העלפסט מיר מיט די מוסדות זאלסטו זען נחת ביי דיינע קינדער, זאלסט האבן פרנסה בריווח און קענען שטענדיג טון חסד מיט אנדערע אידן.

...

~~~~~~~~~~

**א ביטע פאר רחמנות פון א שופט**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת חקת, ו׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד דעם חשוב׳ן געערטער שופט ... הי״ו**

איך שרייב אייך בנוגע מיין נאנטע חבר מו״ה ... הי״ו.

איך וועל אייך דערציילן אביסל וואספארא טובות און הילף מו״ה ... ני״ו האט מיט מיר געטון.

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב די זכיה פאר די לעצטע פופצן יאר צו טון פאר אידישע קינדער; איך האב א ישיבה פאר בחורים פון די דרייצן יאר ביז זיי האבן חתונה, א חדר פאר אינגלעך און א מיידל סקול פאר מיידלעך און זוממער האבן מיר א קעמפ פאר אלע קינדער. מיר נעמען אריין קינדער וואס אנדערע מוסדות נעמען נישט אן, מיר נעמען אריין בחורים וואס זענען שוין אין גאס וכו׳ און מיר האבן שוין געראטעוועט הונדערטער תלמידים ותלמידות פון שלעכטס.

ווען מיר האבן געעפנט די מוסד זענען מיר אריבער זייער שווערע צייטן; מיין חבר מו״ה ... ני״ו האט מיר אלע יארן געהאלפן. ווען מיר האבן געדארפט א פלאץ פאר די ישיבה האט אונז מו״ה ... ני״ו געהאלפן; ווען מיר האבן געדארפט א קעמפ האט אונז מו״ה ... ני״ו געהאלפן. עס זענען געווען צייטן וואס מיר האבן נישט געקענט צאלן די מלמדים און טיטשערס וכו׳ האט אונז מו״ה ... ני״ו געהאלפן, ער האט מיר זייער אסאך מאל געבארגט צענדליגער טויזנטער דאללער און מנדב געווען געלט אז איך זאל קענען אנגיין - אן דעם וואס ער זאל האבן עפעס א טובת הנאה פון דעם, ער האט דאס געטון נאר צו העלפן א צווייטן איד, צו העלפן א פלאץ וואו מען ראטעוועט קינדער.

ווען מיר האבן געהאט פראבלעמען האט אונז מו״ה ... ני״ו געהאלפן; שוין צען יאר וואס ער העלפט מיר אויף טריט און שריט. אנגעהויבן א גאנץ יאר אין שטאט און אזוי אויך זוממער אין קעמפ; אנגעהויבן מיטן צאלן מלמדים און טיטשערס, ביזן געבן עסן פאר די בחורים. און ביי יעדע פרט וואס מיר דארפן נאר הילף אינעם מוסד.
~~~~~~~~~~

מיר האבן שוין געראטעוועט הונדערטער בחורים פון שלעכטע זאכן; הונדערטער בחורים האבן שיין חתונה געהאט און פירן שיינע שטובער, זיי זענען זייער שיין מצליח אין לעבן בזכות די ישיבה וואס נעמט אריין בחורים וואס האבן נישט קיין פלאץ אין אנדערע ישיבות; אלעס גייט לזכות מיין טייערער חבר מו"ה ... ני"ו.

דערפאר בעט איך דעם חשוב'ן ריכטער זאל קוקן אויף דעם מענטש נישט ווי מען קוקט אויף א יחיד, מען זאל קוקן אויף מיין טייערע חבר מו"ה ... ני"ו ווי מען קוקט אויף א רבים; אז ער וועט זיצן אין תפיסה וועט פעלן פאר אונז אלעמען, אז ער וועט זיין איינגעשפארט חס ושלום וועלן זייער אסאך מענטשן נישט קענען אנגיין מיט זייער לעבן.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער חשוב'ער שופט זאל האבן הצלחה אין זיינע מעשים און זיין דער גוטער שליח צו ראטעווען מיין ליבער חבר מו"ה ... ני"ו וואס האט זיך אוועק געגעבן זיין לעבן צו העלפן אידישע קינדער און איז שטענדיג גרייט צו העלפן א צווייטן; אפילו יעצט ווען ער איז פארנומען מיט זיין פרשה, ער האט נישט זיין קאפ אויפן פלאץ, ער איז פארנומען און זוכט אלע וועגן ווי אזוי זיך צו פארטיידיגן - דאך העלפט ער ווייטער מענטשן, ער העלפט מיר ווייטער מיט די מוסד; עס איז מיר ממש א וואונדער ווי א מענטש זאל זיין אזוי סעלפלעס, גארנישט טראכטן פון זיך ווען עס קומט צו העלפן א צווייטן.

איך בין זיכער אז דער אייבערשטער וועט אים העלפן ער וועט ארויסגיין פריי פון זיין פרשה, ער וועט ווייטער קענען העלפן מענטשן בפרט און מוסדות התורה בכלל.

איך וועל שטענדיג געדענקען דאס גוטס וואס ער האט געטון מיט מיר ווען קיינער האט נישט געוואלט רעדן מיט מיר; קיינער האט נישט געוואלט קוקן אויף אונז, מען האט אונז פארשעמט און באשמיצט אין די גאנצע שטאט פאר איין עבירה: "פארן אריין נעמען בחורים וואס קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי"; נאר מו"ה ... ני"ו האט מיר געעפענט זיין טיר און שטענדיג געהאלפן.

איך וואונטש פארן חשוב'ן ריכטער הצלחה אין אלע זיינע וועגן.

...

~~~~~~~~~~~

**מ'דארף מחנך זיין קינדער צו פאלגן**

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת חקת, ו' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**
~~~~~~~~~~~

איך האב דיר שוין געשריבן אין א בריוו אז קינדער דארף מען מחנך זיין צו פאלגן; עלטערן דארפן זיין זייער שטארק אז ׳א ווארט איז א ווארט׳. אודאי וועלן זיי אויספרובירן די עלטערן וכו׳, אבער אז זיי וועלן זען אז די עלטערן זענען שטארק מיט זייערס א ווארט וועלן זיי ווערן מחונך און אויסוואקסן געזונטע קינדער.

אז די עלטערן אליינס זענען מסופק, אדער אויב עס זענען דא חילוקי דעות צווישן מאן און ווייב דעמאלט איז זייער שווער צו מחנך זיין די קינדער געזונטערהייט. אבער ווען די קינדער זעען ווי די עלטערן זענען שטארק מיט זייער מיינונג וועלן זיי פאלגן און זיך אויפפירן מיט גרויס דרך ארץ.

מיין טייערער ליבער ... נרו יאיר, מען קען וויסן אלע עצות, מען קען וויסן אלע חכמות אין חינוך אבער אן תפילה האט מען גארנישט. מען דארף אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו קינדער יראי ה׳; עלטערן וואס ווילן ערליכע קינדער דארפן אסאך בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם טאג נאך טאג, אסאך בעטן דעם אייבערשטן מען זאל זוכה זיין צו ערליכע קינדער.

דו קענסט נוצן דיין מעשר געלט פאר אלע הוצאות צו פארן צום הייליגן רבינ׳ס ציון.

...

~~~~~~~~~~

**קינדער מאכן נאך די עלטערן**

בעזרת ה׳ יתברך - יום ג׳ פרשת חקת, ו׳ תמוז, שנת תשע״ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי׳**

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

ביז דערווייל שיקטס אייער אינגל אין די ... חדר און אייער מיידל אין זייער מיידל שולע; אז אייערע קינדער וועלן זען ווי טאטע מאמע פירן זיך מיטן רבינ׳ס וועג וועלן זיי אויך וועלן זיין ברסלב׳ע אידן. דער עיקר זעט עס זאל נישט זיין קיין מחלוקת ביי אייך, עס זאל זיין שלום.

אז מען מאכט א פריוואטע קליינע סווימינג-פול פאר די קליינע קינדער איז נישט קיין פראבלעם אז זיי זאלן שווימען צוזאמען.

בזכות וואס איר זענט מכבד אייערע עלטערן, איר העלפט זיי אינעם טאג טעגליכן לעבן און איר וואוינט מיט זיי מיט אזא איבערגעגעבנקייט וועט איר זוכה זיין צו די ברכות וואס די תורה געבט פאר די מצוה (שמות כ, יא): ״לְמַעַן יַאֲרִכוּן יָמֶיךָ״.
~~~~~~~~~~

...

~~~~~~~~~~~

**די פארשריט פונעם נייעם בנין אין אומאן וואו מיר וועלן זיך האלטן צוזאמען אויפן וועג ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט; אומאן איז דער פלאץ וואו מען באנייט זיך צו האבן כח זיך צו דערהאלטן מיט אונזערע שווערע נסיונות; דאס גרויסקייט פון זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה; מיטברענגען די קינדער אויף ראש השנה; זען זיך צו איינרישן מתנות פארן רבי'ן.**

בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת חקת, ז' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

בחסדי השם יתברך וועלן מיר זיין דאס יאר אין אומאן ראש השנה שנת תשע"ט אינעם נייעם בנין.

מיר וועלן זיך מחזק זיין מיטן רבינ'ס עצות והתחזקות אזוי ווי מיר האבן מקבל געווען פון מוהרא"ש; מוהרא"ש זכרונו לברכה האט איבער געגעבן דעם רבינ'ס ווערטער אן דריידלעך און אן חכמות, נאר בתמימות ובפשיטות אזוי ווי דער רבי האט געזאגט. יעדעס ווארט פון רבי'ן - נאך א שטיק שכל, נאך א ווארט פון רבי'ן - נאך כח צו לעבן.

דער הייליגער רבי האט דערציילט אין די מעשה פונעם בעל תפילה (סיפורי מעשיות, מעשה יב) אז דער קעניג האט געוויזן פאר אלעמען א וועג ווי זיי זאלן גיין מחדש זיין זייער כח; דער מליץ און דער חכם, דער גיבור און דער אוהב נאמן, פאר די אלע האט דער קעניג געוויזן א וועג ווי זיי זאלן גיין זיך באנייען זייער כח; מיר פארן קיין אומאן צום רבי'ן אויף ראש השנה צו באנייען אונזערע כוחות, מיר זאלן אויס'פועל'ן א זיסע יאר; אין אומאן איז דער פלאץ וואו מען באנייט זיך צו האבן כח זיך צו דערהאלטן אין אונזערע שווערע נסיונות.

דער בנין איז נאך נישט פולקאם פארטיג, מען האלט דאס נאך אינמיטן ענדיגן און מען פראבירט צו ענדיגן וואס מער מען קען פאר דעם יאר. ווען דער רבי האט זיך געגרייט צו פארן קיין ארץ ישראל, האט קודם געהייסן אז איינער פון אנשי שלומינו וועלן מיט פארן מיטן רבי'ן, למעשה האט זיך דאס נישט אויסגעארבעט ווייל ער איז געקומען צום רבי'ן זיך אויפטון אז ער האט איינגעקויפט שיינע עפל צדה לדרך פארן וועג קיין ארץ ישראל, האט אים דער רבי געזאגט: "אז דו האסט אינזין שיינע עפל - קענסטו מיט מיר נישט פארן קיין ארץ ישראל"; ווייל דער רבי איז געפארן קיין ארץ
~~~~~~~~~~~

ישראל נישט פאר גשמיות וכו', און אז מען האט אינזין שיינע עפל פארן וועג, קען מען נישט מיט פארן מיטן רבי'ן.

איך האף אז דו וועסט ארויס נעמען פון דעם מעשה פארוואס מיר פארן קיין אומאן; מיר פארן צום רבי'ן ווייל דער רבי האט געהייסן קומען, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זיין ביי מיר ראש השנה איז גרעסער פון אלעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה", און איך וואונדער זיך אויף מיינע תלמידים וואס גלייבן אין מיר, פארוואס זאלן זיי נישט מעורר זיין מיינע מענטשן אז אלע זאלן קומען צו מיר אויף ראש השנה, "אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", קיינער טאר נישט פעלן.

"כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מיין גאנצע זאך איז ראש השנה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", און דער רבי האט געהייסן מען זאל מודיע זיין פאר אלע מענטשן וואס גלייבן אין אים, אז ער האט געהייסן קומען צו אים אויף ראש השנה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, 'אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם'", און ווער עס איז זוכה צו זיין ביי אים אויף ראש השנה דארף זיך זייער פרייען א גאנץ יאר, עיין שם.

ברענג מיט אלע דיינע אינגלעך וואס זענען זיבן יאר און העכער און אזוי אויך אלע דיינע בחורים; קוק נישט אויף גארנישט, געלט טאר נישט זיין קיין אפהאלט. החכם עיניו בראשו, גרייט זיך אן א פושקע אנהייב יאר, אויף די פושקע שרייב ארויף: "אומאן, קודש קדשים". יעדן טאג לייגט מען אריין אינעם פושקע, און (בבא בתרא ט:): "פְּרוּטָה וּפְרוּטָה מִצְטָרֶפֶת לְחֶשְׁבּוֹן גָּדוֹל", אזוי דארף מען נישט בארגן קיין געלט.

מיטן אייבערשטנס הילף וועלן מיר האבן מלמדים וואס וועלן לערנען און דאווענען מיט די קינדער במשך די אלע טעג וואס מען איז ביים רבי'ן אין אומאן; די קינדער וועלן נישט זיין אויף הפקר, די קינדער וועלן נישט וויסן עפעס אנדערש - נאר תורה תפילה און פון רבינ'ס ציון. בשעת די תפילות וועלן די קינדער העלפן מיטן דאווענען.

יעצט אז מען שטייט שוין נענטער צום נייעם יאר, מען פארט שוין באלד קיין אומאן, זאלסטו שוין זען זיך איינרישן מתנות פארן רבי'ן. דער דרך העולם איז אז ווען מעןליידנט זיך איין ביי א צווייטן ברענגט מען א מתנה; דארפן מיר שוין טראכטן: 'מיט וואס קום איך קיין אומאן צום רבינ'ס ציון?' יעדער וויל אודאי קענען זאגן פארן

רבי'ן: "רבי, איך האב געענדיגט ששה סדרי משנה"; "רבי, איך האב מסיים געווען וכו'"; אזוי אויך מיט הפצה: "רבי, איך האב מפיץ געווען דיינע ספרים, דיינע עצות".

מיטן אייבערשטנס הילף פאר איך ארויס מארגן אין קעמפ; די בחורים קומען ארויס קומענדיגע וואך. דארט וועלן מיר קענען זיין אפגעהיטן פון די גאס.

איך האף דיר צו זען דורכאויס דעם זוממער.

איך שיק דיר דא מיט בילדער פון אומאן; געב א קוק אויף די ניסים וואס דער אייבערשטער האט געמאכט, עס בויט זיך א בנין אן קיין עשירים און אן קיין נגידים, אן גארנישט - נאר מיט די הילף פונעם אייבערשטן.

...

~~~~~~~~~~

**ארויסנעמען א מוסר השכל פון טראגעדיעס וואס פאסירן רחמנא לצלן; א מענטש דארף שטענדיג טראכטן 'וואס וועל איך מיט נעמען מיט מיר אויף יענע וועלט?' ארייננכאפן א דף גמרא אפילו מען איז שטארק פארנומען מיטן זיך פאקן און פארן אין קאנטרי.**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת חקת, ח' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד... נרו יאיר**

קיינער ווייסט נישט וואס גייט פאסירן די קומענדיגע מינוט; מען הערט יעדן טאג שרעקליכע מעשיות ווי מענטשן ווערן אוועק געריסן פון דער וועלט יונגערהייט.

שלמה המלך זאגט (קהלת ט, יב): "כִּי גַּם לֹא יֵדַע הָאָדָם אֶת עִתּוֹ כַּדָּגִים שֶׁנֶּאֱחָזִים בִּמְצוֹדָה רָעָה וְכַצִּפֳּרִים הָאֲחֻזוֹת בַּפָּח כָּהֵם יוּקָשִׁים בְּנֵי הָאָדָם לְעֵת רָעָה כְּשֶׁתִּפּוֹל עֲלֵיהֶם פִּתְאֹם", דרש'ענען אויף דעם די הייליגע חכמים (סנהדרין פא:): מַאי מְצוֹדָה רָעָה? אָמַר רֵישׁ לָקִישׁ: "חַכָּה", איז רש"י מסביר: דאס איז נישט קיין גרויסע נעץ, נאר דאס איז א שוואכע קליינטשיגע העקעלע וואס די פיש קענען נישט באמערקן, אזוי כאפט עס אריין אין זיך פלוצלינג גרויסע פישן. אזוי אויך זענען מיר צוגעגליכן צו פיש, מיר געפונען זיך אויף די וועלט ווי אינמיטן וואסער, און אזוי ווי אין וואסער קומען פיש כאפערס און פאנגען פיש - יעדע מאל ווערט פארכאפט נאך און נאך פיש, אזוי אויך ווערן יעדן טאג פלוצלינג אוועק גענומען מענטשן פון דער וועלט; קיינער נעמט נישט ארויס קיין מוסר השכל און טראכט: 'עס קען דאך צו מיר פאסירן דאס זעלבע', נאר שטענדיג דאכט זיך אז די אלע טראגעדיעס פאסירן נאר צו א צווייטן.
~~~~~~~~~~

נעכטן האט פאסירט א שרעקליכע טראגעדיע, א אינגערמאן איז ארויס געפארן אין קעמפ פארן זוממער און אויפן וועג האט ער זיך צוזאמגעקראכט מיט א צווייטע קאר און ער איז לא עלינו אומגעקומען; ווען מען הערט אזעלכע מעשיות דארף דאס געבן א קיצל דעם מענטש. מען דארף טראכטן: 'אפשר דארף איך שוין אויך באלד אהיים גיין צום אייבערשטן, וואס וועל איך דארט מיט נעמען מיט מיר? נאר די דיבורים וואס איך האב ארויס געכאפט יעדן טאג צו רעדן צום אייבערשטן וועלן מיר דארט באגלייטן'.

מוהרא"ש פלעגט שטענדיג חזר'ן וואס חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק טו): "לְפִי שֶׁכָּל הַמַּרְבֶּה שִׂיחוֹת וּתְפִלּוֹת, הֵם הַמְלַוִּים אוֹתוֹ עַד שֶׁיַּגִּיעַ לְבֵית עוֹלָמוֹ", ווען א מענטש רעדט אסאך צום אייבערשטן, און ער שמועסט אסאך צום אייבערשטן, דאס באגלייט אים צו זיין אייביגע רוה.

ווען מען הערט אזעלכע שוידערליכע מעשיות דארף דאס געבן א שטעל אפ דעם מענטש ער זאל טראכטן: 'וואס וועל איך מיט נעמען מיט מיר?' חכמינו זכרונם לברכה זאגן (אבות ו, ט): "לְפִי שֶׁבִּשְׁעַת פְּטִירָתוֹ שֶׁל אָדָם, אֵין מְלַוִּין לוֹ לְאָדָם לֹא כֶּסֶף וְלֹא זָהָב וְלֹא אֲבָנִים טוֹבוֹת וּמַרְגָּלִיּוֹת, אֶלָּא תּוֹרָה וּמַעֲשִׂים טוֹבִים בִּלְבָד", ווען א מענטש גייט אוועק פון די וועלט בלייבט די גאנצע געלט און זילבערנע כלים וכו' וכו' אין שטוב, און מען נעמט גארנישט מיט, נאר תורה ותפילה.

וואויל איז דעם מענטש וואס לעבט מיט דעם מחשבה, ער חזר'ט יעדן טאג: 'איין טאג וועל איך איבער לאזן די וועלט, עס וועט פון מיר גארנישט איבער בלייבן נאר דאס ביסל תורה וואס איך לערן יעדן טאג; נאר די פרקים משניות און דפים גמרא וואס איך האב זוכה געווען צו זאגן יעדן טאג - דאס וועט מיר באגלייטן אויף יענע וועלט'.

אז מען לעבט מיט די מחשבה דעמאלט לאזט מען זיך נישט נארן און מען זוכט יעדן טאג אריין צו כאפן וואס מער גוטע זאכן.

אפילו דו ביסט היינט פארנומען מיטן זיך פאקן ארויס צו פארן אין קעמפ, זאלסטו אויך אריין כאפן אביסל גוטס, זע צו לערנען דעם דף גמרא.

איך פאר אם ירצה ה' באלד ארויס אין קעמפ; בלייב'זשע מיר געזונט און שטארק.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

**רעדן צו מיידלעך איבער די גרויסקייט פון שערן די האר נאך די חתונה**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת חקת, ח' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מרת ... תחי'.**

אזוי ווי עס קומט יעצט זוממער וויל איך אייך בעטן אויב איר קענט העלפן די מיידל קעמפ מיטן לייגן שלאפן די מיידלעך.

בשעת איר לייגט זיי שלאפן זאלט איר שמועסן מיט זיי; פארציילט זיי שיינע מעשיות פון צדיקים, מעשיות פון תפילה, אז עס זאל זיי איינגעבאקן ווערן אין הארץ אז וואס זיי דארפן זאלן זיי נאר בעטן דעם אייבערשטן.

ווען מען רעדט אומדירעקט האט מען א גרעסערע השפעה ווי ווען מען רעדט דירעקט; ווען מיידלעך הערן חיזוק אויף אמונה נישט ביי אן עמטליכע שיעור, גייט דאס שטערקער אריין אין זיי ווי ווען זיי הערן א שיעור וכו'. דעריבער ווען איר לייגט זיי שלאפן זאלט איר אביסל שמועסן מיט זיי איבער דאס גרויסקייט פון לעבן מיט אמונה, וואס אזוי איז דער לעבן פיל גרינגער; א מענטש וואס גלייבט אינעם אייבערשטן, ער ווייסט אז עס איז נישט דא קיין שום טבע מקרה מזל, נאר אלעס איז דער אייבערשטער - איז אים גרינגער דאס לעבן.

אויך זאלט איר שמועסן מיט זיי פון צניעות; פארציילט זיי ווי מוהרא"ש האט געוויינט צו די פריש חתונה געהאטע ווייבלעך זיי זאלן זיך אפשערן די האר. מוהרא"ש האט געזאגט: "ענדערש זאל מען טראגן א שייטל, אבי מען זאל זיך אפשערן די האר".

ליידער האט זיך אריין געכאפט צווישן היימישע משפחות אז מען גייט מיט די אייגענע האר, היימישע ווייבלעך לאזן זיך וואקסן די האר; דאס קומט ווייל מען ווייסט נישט וואספארא צרות דאס ברענגט אויף די גאנצע שטוב.

איר האט דאך אליינס געהערט כמה וכמה פעמים פון מוהרא"ש זכרונו לברכה ווי ער האט צוגעזאגט אלע ישועות און אלע ברכות פאר די פרויען וואס שערן זיך אפ זייער האר; ווי מער מען רעדט צו די מיידלעך ווען זיי זענען נאך יונג און זיי האבן נאך נישט דעם נסיון - אין די יארן ווען עס איז זיי נאך נישט נוגע - דעמאלט גייט דאס אריין אין זיי, און אזוי ארום ווערן זיי אויך זיין פון די ערליכע פרויען וואס פירן זיך ווי אלע צדיקים האבן אונז געלערנט.

וויפיל מאל האבן מיר געהערט פון מוהרא"ש ווי ער האט נאכגעזאגט פון הייליגן סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו ווי ער פלעגט וויינען צו די פרויען "כל נדרי" ביינאכט אז מען זאל נישט לאזן וואקסן קיין ביי-האר. ער האט אויסגעוועלט דעם הייליגסטן

צייט פון יאר: "כל נדרי ביינאכט", דעמאלט האט ער געוויינט און געבעטן אלע פרויען זיי זאלן נישט לאזן וואקסן ביי-האר! ער פלעגט חזר'ן וואס דער הייליגער צדיק ר' פנחס'ל קאריצער זי"ע האט געזאגט: "די גאנצע גאולה הענגט אויף א האר"; דאס הייסט אז די 'ביי האר' האלט אפ משיח פון קומען.

היינט האלט מען שוין נישט ביי ביי-האר, ליידער האט זיך אריין געכאפט צווישן היימישע אינגעלייט אז די ווייבער גייען אייגענע האר; מען מאכט ליצנות פון ערליכע אידן און פון פריערדיגע צדיקים וואס האבן אזוי געוויינט און געשריגן וועגן דעם. איין זאך כאפט מען נישט, אז מען מאכט פון זיך אליינס ליצנות און מען טוט זיך אליינס שלעכטס; מען ברענגט אריין די סטרא אחרא אין שטוב און מען פארטרייבט פון דארט די שכינה, אזוי ווי דער הייליגער תנא רבי שמעון בן יוחאי זאגט (נשא קכה:): "'תּוּנְבָּא לֵיתֵי' א קללה זאל קומען, 'עַל הַהוּא בַּר נָשׁ' אויף דעם מענטש, 'דְּשָׁבַק לְאִנְתְּתֵיהּ' וואס לאזט זיין ווייב, 'דְּתִתְחַזֵי מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' אז איר האר פון קאפ זאל זיך ארויסזען. 'וְדָא הוּא חַד מֵאִינּוּן צְנִיעוּתָא דְּבֵיתָהּ', און דאס איז פון די יסודות פון א אידישע שטוב, אז מען זאל נישט זען די האר פון די פרוי. 'וְאִתְּתָא דַּאֲפִּיקַת מִשַּׂעֲרָא דְּרֵישָׁהּ לְבַר' און א פרוי וואס גייט מיט אויפגעדעקטע האר, 'לְאִתְתַּקְּנָא בֵּיהּ' זיך שיין צו מאכן, 'גָּרִים מִסְכְּנוּתָא לְבֵיתָא' איז זי גורם אז עס זאל זיין ארימקייט אין שטוב, 'וְגָרִים לִבְנָהָא דְּלָא יִתְחַשְׁבוּן בְּדָרָא' און זי איז גורם אז אירע קינדער וועלן נישט מצליח זיין און זיי וועלן נישט זיין חשוב, 'וְגָרִים מִלָּה אַחֲרָא דְּשַׁרְיָא בְּבֵיתָא' און זי איז גורם אז די סמ"ך מ"ם און די נישט גוטע זאלן זיין אין איר שטוב. 'מַאן גָּרִים דָּא?' ווער איז דאס אלעס גורם? 'הַהוּא שַׂעֲרָא דְּאִתְחֲזֵי מֵרֵישָׁהּ לְבַר' די פרוי וואס איר האר זעט זיך ארויס". און פארשטייט זיך אז פארקערט איז נאך מער; א פרוי וואס געבט אכטונג אז אירע האר זאל זיך נישט ארויסזען וועט האבן אלע ברכות, און זי וועט האבן נחת פון אירע קינדער.

פארוואס האבן די צדיקים געוויינט? וואס האבן זיי געוואלט - אונז שלעכט טון? האבן זיי דען געוואלט ארויפלייגן אויף אונז נאך זאכן וואס מען טאר נישט?! עס איז נאריש צו הערן ווי אינגעלייט רעדן מיט א לייכטזיניגקייט, כאילו די צדיקים זענען נאר דא צוצונעמען פון אונז די הנאה פון דער וועלט; זיי האבן געוויינט נאר פאר אונז. ווייל מיר זענען גארנישט און מיר ווייסן גארנישט, מיר זענען פשוט'ע מענטשן, הלואי זאלן מיר ווערן אנגערופן 'פשוט'ע מענטשן'... מיר זענען נישט פון וואס צרות קומען, אזוי אויך ווייסן מיר נישט וואס ברענגט ערליכע קינדער, מיר ווייסן נאר וואס די הייליגע צדיקים זאגן, און אז זיי האבן געוויינט און געבעטן אז די פרויען זאל זיך נישט לאזן וואקסן די האר - דארפן מיר דאס טון.

אז איר וועט רעדן מיט די מיידלעך וואס מיר האבן אייך דא געשריבן וועט איר מאכן א נחת רוח פארן אייבערשטן און פאר מיר פערזענליך.

בזכות דעם וואס איר העלפט מיר זאלט איר זוכה זיין צו זען נחת ביי אייערע קינדער, און דער אייבערשטער זאל אייך געבן הצלחה אין אלע אייערע ענינים.

...

~~~~~~~~~~

**יישר כח פאר'ן העלפן די קאמפיין פאר די ישיבה**

בעזרת ה' יתברך - יום ה' פרשת חקת, ח' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד מו"ה ... הי"ו**

ראשית כל וויל איך אייך דאנקען פארן העלפן דעם "טשערעדי קאמפיין" עס זאל געקרוינט ווערן מיט הצלחה.

דער אייבערשטער האט געהאלפן אז די קאמפיין האט געהאט א דאפעלטע הצלחה און עס איז אריין געקומען דאפעלט ווי מען האט זיך גערעכנט; דאס איז נאר בזכות וואס איר האט ארויס געהאלפן מיט אלע אייערע כוחות.

איר געדענקט דאך אודאי ווען מיר האבן געעפענט די ישיבה וואסערע רדיפות מיר זענען דעמאלט אויסגעשטאנען; מען האט אייך גע'רודפ'ט אויף די עבירה אז איר האט אונז פארדינגען א פלאץ פאר די ישיבה. און יעצט האט דער אייבערשטער געהאלפן אז עס ווערן נתרבה די תלמידים, אזוי ווייט אז מיר האבן שוין נישט קיין פלאץ פאר די קינדער.

איך דאנק אייך פארן העלפן אז די קאמפיין זאל זיין מיט הצלחה; סיי וואס איר האט געהאלפן בגוף אז איר האט זיך אנגעשטרענגט עס זאל זיין מיט הצלחה, סיי מיט די דרשות וואס איר האט דערביי געבעטן דעם עולם אנטייל צו נעמען אין די צדקה ובעיקר פארן געבן פאר יעדע פרוטה דאפעלט.

די זכות זאל אייך באשטיין און דאס וועט אייך בלייבן אויף יענע וועלט, אז איר האט געראטעוועט בחורים פון שלעכטס, און בכלל נעמט איר א חלק אין אלע גוטס וואס קומט ארויס פון דעם הייליגן ישיבה.

...

~~~~~~~~~~

**דאס גרויסקייט און שמחה פון שבת; מיר דארפן נאכמאכן דעם הייליגן באר מים חיים זי"ע און טאנצן פאר שמחה א גאנץ שבת; זען אויף אלע וועגן זיך נישט צו צעאמפערן מיט די ווייב; ארויסהעלפן אין שטוב, גיין אין די וועגן פון די הייליגע תנאים און אמוראים; אויסנוצן דעם שבת טאג פאר תורה, בפרט די לאנגע זומערדיגע שבת נאכמיטאג'ס.**

בעזרת ה' יתברך - ערב שבת קודש פרשת חקת, ט' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן

**לכבוד ... נרו יאיר**

ווען מיר וואלטן געוואוסט וואס שבת איז, וואלטן מיר געטאנצן פאר שמחה א גאנץ שבת.

שבת איז די בעסטע מתנה וואס מיר האבן באקומען פונעם אייבערשטן; אזוי ווי די הייליגע חכמים זאגן (שבת י:): דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו "מַתָּנָה טוֹבָה יֵשׁ לִי בְּבֵית גְּנָזַי וְשַׁבָּת שְׁמָהּ", איך האב א גוטע מתנה פאר די אידן - דער הייליגער שבת; שבת ווערן מיר נאנט צום אייבערשטן. שבת איז אמונה, מען חזר'ט נאכאמאל אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט אין זעקס טעג פון די וואך און שבת האט ער גערוהט.

דער הייליגער באר מים חיים זכותו יגן עלינו פלעגט שבת זיין מיט א קאפ העכער פון א גאנצע וואך, מען האט געזען אויף זיינע בגדים אז זיי זענען קורצער ווי אין די וואכן טעג; מוהרא"ש האט דאס געגעבן צו פארשטיין, וואס הייסט ער איז געווען העכער מיט א קאפ? אז ער איז געווען אזוי פרייליך א גאנץ שבת, ער האט געטאנצן און געשפרינגען אז עס האט אויסגעזען ווי ער איז העכער מיט א קאפ - פון גרויס שמחה.

דאס דארפן מיר נאכמאכן; מיר דארפן א גאנץ שבת טאנצן פאר שמחה, "ברוך השם שלא עשני גוי, איך בין א איד און איך האלט שבת; איך דרייוו נישט שבת, איך רייכער נישט שבת און איך נוץ נישט מיין טעלעפאן שבת", און אזוי דארף מען זיך פרייען מיט וואס מען קען, אזוי ווי דער רבי האט אונז מזהיר געווען (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מען דארף זיין זייער פרייליך שבת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", שבת טאר מען נישט ווייזן קיין שום עצבות, מען דארף ארום גיין א גאנצן צייט מיט א שמייכל.

דער ס"מ ווייסט אז שבת איז א צייט וואס א מענטש קען זיך צוקלעבן צום אייבערשטן, דערפאר מאכט ער עס זאל זיין מחלוקת אין אידישע שטובער צווישן מאן און ווייב, מען צעאמפערט זיך צוליב שטותים והבלים און מען גייט אריין אין שבת קודש צעקריגטערהייט. אנשטאט זיך אויפעסן פארוואס דאס איז נאך נישט גרייט און פאר וואס יענץ איז נאך נישט געמאכט, טו דו, מאך דו, העלף דו אנגרייטן דעם שבת; אז עס האט געפאסט פאר אלע צדיקים צו העלפן אנגרייטן דעם שבת מעג אונז אויך פאסטן צו העלפן אין שטוב.

אין די גמרא ווערט אראפגעברענגט ווי די הייליגע תנאים און אמוראים האבן געהאלפן אין שטוב צוגרייטן דעם שבת (שבת קיט.): רב ספרא האט אפגעברענט דעם קאפ פונעם בהמה לכבוד שבת, רבא האט אליינס געזאלצן די פיש, רב הונא האט אנגעגרייט די ליכט, רב פפא האט געמאכט די קנויטן, רב חסדא האט געשניטן די גרינצייג, רבה און רב יוסף האבן געהאקט האלץ, רבי זירא האט אנגעצינדן די פייער מיט קליינע שטיקלעך האלץ, רב נחמן בר יצחק האט אליינס אריין געברענגט אלע קליידער און כלים אזוי ווי  מען גרייט זיך אן מקבל צו זיין א חשוב'ע גאסט; זעט מען פון דעם ווי די הייליגע תנאים און אמוראים האבן אלעס אליינס געטון לכבוד שבת מיט די גרעסטע מאס שמחה.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (תנא דבי אליהו, פרק א): "אַף עַל פִּי שֶׁאַתֶּם עוֹשִׂים מְלָאכָה כָּל שִׁשָּׁה יָמִים, יוֹם הַשַּׁבָּת יַעֲשֶׂה כּוּלּוֹ תּוֹרָה", אפילו אז מען ארבעט א גאנצע וואך זאל מען שבת לערנען תורה, "מִכָּאן אָמְרוּ: לְעוֹלָם יַשְׁכִּים אָדָם וְיִשְׁנֶה בְּשַׁבָּת, וְיֵלֵךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת וּלְבֵית הַמִּדְרָשׁ, יִקְרָא בַּתּוֹרָה וְיִשְׁנֶה בַּנְּבִיאִים, וְאַחַר יֵלֵךְ לְבֵיתוֹ וְיֹאכַל וְיִשְׁתֶּה", דערפאר זאל א מענטש אויפשטיין שבת צופרי און גיין אין שול לערנען און דאווענען, און נאכדעם אהיים גיין מאכן די סעודה, "לְפִי שֶׁאֵין לוֹ מְנוּחָה לְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אֶלָּא עִם עוֹשֵׂי תּוֹרָה בִּלְבַד", ווייל דער אייבערשטער האט נישט קיין נחת פון א מענטש נאר אז דער מענטש לערנט תורה. "מִכָּאן אָמְרוּ: שֶׁיִּקְרָא אָדָם כְּדֵי שֶׁלֹּא תַּשִּׂיגֶנּוּ בּוּשָׁה וּכְלִימָּה בְּשָׁעָה שֶׁאוֹמְרִים לוֹ: "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ", "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנֶה שֶׁשָּׁנִיתָ", זאגט אליהו הנביא ווייטער א מורא'דיגער לשון: א מענטש זאל זען צו לערנען חומש און משניות, ווייל ווען מען קומט ארויף אויף יענע וועלט פרעגט מען דעם מענטש: "הייב אן זאגן חומש וואס דו האסט געלערנט", "הייב אן זאגן משניות וואס דו האסט געלערנט", און ווי גרויס וועט זיין די בושה אז מען וועט בלייבן שטיין מיט אן אפענעם מויל און מען וועט נישט האבן וואס צו ענטפערן.

יעצט אין די זוממער טעג ווען דער טאג איז זייער לאנג איז דא שבת נאכמיטאג צייט פאר אלעס; מען קען זיך אביסל אראפלייגן, מען קען אביסל פארברענגען מיט די ווייב און קינדער און אויך איז דא צייט צו לערנען די שיעורים כסדרן, אביסל משניות, אביסל גמרא וכו׳.

א פרייליכן ליכטיגן שבת.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~

# ~~~ שאלות ותשובות ~~~

## ווי אזוי נעם איך אראפ די קללה אז איך וועל נישט טרעפן מיין שידוך?

### שאלה:

לכבוד דער ראש ישיבה שליט"א,

אלס א תלמיד פון ישיבה וויל איך אנוואונטשן א מזל טוב פאר'ן ראש ישיבה אז נאך א בחור פון ישיבה איז געווארן א חתן, דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה זאל זען אסאך אידיש נחת ביי מיר און ביי אלע תלמידים.

ברוך ה' אז א דאנק דעם ראש ישיבה'ס עצות און לימודים ווער איך נישט צעבראכן ווען א בחור וואס איזיונגער פון מיר ווערט א חתן, ווייל דער ראש ישיבה חזר'ט שטענדיג אז יעדער איינער האט זיין זיווג און קיינער קען נישט צונעמען מיין באשערטע זיווג.

וואס ברענגט מיך יעצט צו שרייבן דעם בריוו איז, אז איך בין באזארגט וועגן מיין שידוך צוליב א צווייטע סיבה, און דאס מאכט מיך שוין יא צעבראכן.

דאס איז פארגעקומען פאריאר ווען דער ראש ישיבה האט מיך איינמאל אנגעשריגן אז "איך וועל נישט קענען חתונה האבן בעפאר נאך עטליכע יאר!", דער זאץ קלינגט מיר שטענדיג אין די אויערן, און איך ווער ממש משוגע פון דעם.

דערפאר קום איך מיט א צעבראכן הארץ פרעגן דעם ראש ישיבה אויב איז דא עפעס אויף די וועלט וואס קען אראפנעמען פון מיר די קללה, אדער האב איך נישט קיין ברירה נאר אויסווארטן נאך אפאר יאר ביז די קללה וועט אוועקגיין, און דעמאלט זוכה זיין צו טרעפן מיין זיווג.

יישר כח פאר מיין לעבן, א גוט שבת.

### תשובה:

**בעזרת ה' יתברך - יום א' פרשת חקת, ד' תמוז, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך שעלט נישט קיינעם; איך פארגין דיר דו זאלסט שוין חתונה האבן און איך דאווען פאר דיר יעדן טאג דו זאלסט בקרוב טרעפן דיין שידוך און אויפשטעלן א שיינע שטוב.

דאס וואס איך האב דיר געזאגט פאריאר אז דו וועסט נאך דארפן לאנג ווארטן אויף דיין שידוך; ווייל דו האסט פארגאסן אידיש בלוט אין ישיבה. דו האסט ארויס געלאזט א שמועה אויף אן אומשולדיג בחור אז ער ווערט א חתן צו משפחת ..., דער בחור איז געקומען צו מיר וויינען אז ער איז א חוזק פאר אלע בחורים, איך האב נישט

געוואוסט ווער עס האט געמאכט די ליצנות, האב איך געזאגט אז דער וואס האט דאס געמאכט וועט נאך דארפן ווארטן אויף זיין שידוך. ווייל אז מען טשעפעט א צווייטן, מען מאכט וויינען א צווייטן - באצאלט מען נאכדעם א טייערע פרייז.

מיר געפונען ביי אלקנה אז ער האט געהאט צוויי ווייבער - פנינה און חנה, פנינה האט געהאט צען קינדער און חנה איז געווען אן עקרה, זי האט נישט געהאט קיין קינדער. שטייט אין פסוק (שמואל-א א, ו) אז פנינה האט געטשעפעט חנה: "וְכִעֲסַתָּה צָרָתָהּ גַּם כַּעַס בַּעֲבוּר הַרְּעִמָהּ", זאגט רש"י אז זי האט איר געפרעגט: "כְּלוּם קָנִיתָ הַיּוֹם מַעֲפוֹרֶת לְבִנְךָ הַגָּדוֹל?" האסט געקויפט א ווארימע קלייד פאר דיין קינד? "אוֹ חָלוּק לְבִנְךָ הַקָּטָן?" האסט געקויפט א העמד פאר דיין בעבי? זאגן חכמינו זכרונם לברכה (בבא בתרא טז.): "פְּנִינָה לְשֵׁם שָׁמַיִם נִתְכַּוְּנָה", פנינה האט אינזין געהאט לשם שמים, זי האט געוואוסט אז ווען א מענטש וויינט ווערן זיינע תפילות גלייך אנגענומען ביים אייבערשטן, דערפאר פלעגט זי טשעפען חנה כדי זי זאל וויינען און זי זאל געהאלפן ווערן מיט קינדער; למעשה איז חנה טאקע געהאלפן געווארן, זי האט זוכה געווען צו זיין די מאמע פון שמואל הנביא, אבער אין די זעלבע צייט האט פנינה פארלוירן אלע אירע קינדער, אזוי ווי עס שטייט (שמואל-א ב, ה): "עַד עֲקָרָה יָלְדָה שִׁבְעָה וְרַבַּת בָּנִים אֻמְלָלָה", זעט מען ווי הארב עס איז צו טשעפען א צווייטן.

למעשה איז ... נרו יאיר שוין א חתן געווארן, ער האט שוין חתונה געהאט און נאך אביסל איז ער שוין א טאטע קיין עין הרע; יעצט דארפסטו אים איבערבעטן, פאל אים צו די פוס ער זאל דיר מוחל זיין, און זאג צו פארן אייבערשטן אז דו וועסט קיינמאל נישט מאכן קיין געלעכטער פון א צווייטן.

איך זאג דיר נאכאמאל: "איך שעלט נישט!" דער הייליגער רבי זאגט (ספר המידות, אות קללה, חלק ב', סימן א): "הָרָגִיל בִּקְלָלוֹת הוּא מֵעוֹלָם הַתֹּהוּ", דער וואס שעלט איז פון עולם התוהו; אבער אז מען טשעפעט א צווייטן, מען מאכט א שפיל ווי איינער ווערט א חתן, מען פארגיסט יענעמס בלוט - אויף דעם באצאלט מען א פרייז.

חכמינו זכרונם לברכה זאגן (סוטה יד:): "כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא שְׁנֵי מִקְרָאוֹת אֶחָד מְקַיֵּים עַצְמוֹ וּמְקַיֵּם דִּבְרֵי חֲבֵירוֹ וְאֶחָד מְקַיֵּים עַצְמוֹ וּמְבַטֵּל דִּבְרֵי חֲבֵירוֹ, מַנִּיחִין אֶת שֶׁמְּקַיֵּם עַצְמוֹ וּמְבַטֵּל חֲבֵירוֹ, וְתוֹפְסִין אֶת שֶׁמְּקַיֵּם עַצְמוֹ וּמְקַיֵּם חֲבֵירוֹ"; אז איינער זוכט זיך צו דערהאלטן און אויך דערהאלטן זיינע חברים - אזא איינער האט הצלחה, אבער אז איינער בויט זיך אויף און ער איז מבטל זיין חבר - איז מען אים אויך מבטל.

הלואי זאלסטו אריין ברענגען צווישן דיינע חברים אז מען ווערט נישט גרויס ווען מען לאכט פון א צווייטן, מען ווערט נישט חשוב ווען מען שפעט פון א צווייטן; שלמה

המלך זאגט (משלי כו, יח): "כְּמִתְלַהְלֵהַּ הַיֹּרֶה זִקִּים חִצִּים וָמָוֶת", אזוי ווי איינער שיסט פיילן אויף א צווייטן יענעם צו הרג'נען, "כֵּן אִישׁ רִמָּה אֶת רֵעֵהוּ וְאָמַר הֲלֹא מְשַׂחֵק אָנִי", אזוי אויך איז דער וואס שפעט פון זיין חבר און ווען דער חבר כאפט אז ער מאכט חוזק פון אים זאגט ער: "הֲלֹא מְשַׂחֵק אָנִי", איך מיין עס נישט ערנסט; למעשה איז יענעמס בלוט פארגאסן געווארן.

דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן לעבן מיט אלעמען בשלום; מיר זאלן געדענקען וואס דער הייליגער רבי ר' אלימלך בעט אין זיין תפילה (תפילה קודם התפילה): "תֵּן בְּלִבֵּנוּ שֶׁנִּרְאֶה כָּל אֶחָד מַעֲלַת חֲבֵרֵינוּ וְלֹא חֶסְרוֹנָם", רבונו של עולם! העלף מיר איך זאל זען נאר דאס גוטס ביי א צווייטן, איך זאל נישט זען יענעמס פעלערן, "וְשֶׁנְּדַבֵּר כָּל אֶחָד אֶת חֲבֵרוֹ בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר וְהָרָצוּי לְפָנֶיךָ", איך זאל רעדן שיין צו א צווייטן, "וְאַל יַעֲלֶה שׁוּם שִׂנְאָה מֵאֶחָד עַל חֲבֵרוֹ חָלִילָה", און איך זאל נישט פיינט האבן א צווייטן.

דאס דארפן מיר בעטן שטענדיג - מיר זאלן נישט פיינט האבן א צווייטן איד, מיר זאלן קיינמאל נישט וויי טון א צווייטן איד, מיר זאלן נאר זוכן ווי אזוי מיר קענען טון א טובה פאר א צווייטן איד, אזוי וועלן מיר ארויס גיין פון דעם ביטערן גלות און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן.

דער הייליגער בעל התניא האט נאכגעזאגט פון זיין רבי'ן דער הייליגער מגיד פון מעזריטש וואס האט געהערט פונעם הייליגן בעל שם טוב זכותו יגן עלינו: "א נשמה קומט אראפ אויף די וועלט און לעבט דא אפ זיבעציג אכציג יאר - נאר כדי א טובה טון פאר א צווייטן איד"; הער ווערטער וואס הייסט א טובה טון פאר א צווייטן איד, "עס לוינט זיך צו לעבן זיבעציג יאר אבי א טובה צו טון פאר א צווייטן!"

זע צו לערנען יעדן טאג לכל הפחות איין בלאט גמרא.

דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט בקרוב טרעפן דיין שידוך און אויפשטעלן א בית נאמן בישראל.

...

~~~~~~~~~~~
~~~~~~~~~~~